# מאמר המחכים

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

טהור עינים
טהר בני לבך לי ועיניך

שנה ח | גליון 122 | שמות - וארא תשפ"ד לפ"ק


3



גַל עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת

# די וואונדער פונעם אויג

אינספערירנדע פאקטן איבער די וואונדער פונעם אויג און די טיפע חכמת הבריאה פונעם חוש הראי', וואס ברענגט אונז התבוננות צו טון מיט זיי בלויז רצון ה'.

א נעם פריערדיגן מאמר האבן מיר אויסגעשמועסט וויאזוי דאס ארבעט אז א מענטש "זעט", אז דאס פאסירט דורך די ליכט-שטראלן וואס קלאפן זיך אן אין יעדער זאך און שפרינגען צוריק אינעם מענטש'ס אויג, מיט די קאלירן לויט דער נאטור פון יענעם חפץ.

דאס איז וויאזוי פיל פון אונזערע מקורות ערקלערן דעם חוש הראיה, און להבדיל אזוי איז אנגענומען דורך די חכמי הטבע היינט צוטאגס. לויט דעם איז דאס אויג נישט מער ווי א שפיגל, וואס איז מקבל די ליכט-שטראלן און די בילדער וואס געפינען זיך קעגנאיבער אים.

מצד שני געפינען מיר אבער אויך אן אנדערע דעה, אז דאס אויג פארמאגט יא א ממשות'דיגן כח וואס ער גיבט פון זיך ארויס.

## דאס אויג גייט צום בילד

צווישן די חכמי הטבע זענען געווען אזעלכע וואס האבן געהאלטן אז דער גאנצער חוש הראיה פאסירט אויף א פארקערטן וועג ווי מיר האבן דערמאנט.[1] ווי דער הייליגער **בני יששכר** שרייבט:[2] "די חוקרים האבן חוקר געווען וויאזוי דאס אויג זעט, און זיי האבן אויפגעוויזן אז די זע-קראפט גייט ארויס פונעם אויג און גרייכט די זאך אויף וואס מ'קוקט".

אזוי שרייבט אויך **הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע**:[3]

דער עיקר כח פון זען איז דורכדעם וואס די זע-קראפט קלאפט זיך אן אינעם חפץ וואס מ'זעט, און וויבאלד ס'קלאפט זיך אן שפרינגט עס צוריק צו די אויגן. דאן שפיגלט זיך יענע זאך אפ אין די אויגן, און אזוי זעען די אויגן דעם חפץ. אבער ווען א זאך געפינט זיך ווייט, דעמאלט צעשפרייט זיך דער כח הראות אין דער לופטן נאך איידער ס'קומט אן צו דעם חפץ, און דעריבער ווערט עס פארנעפלט, ווייל ס'קלאפט זיך נישט גוט אן דארט און ממילא קען זיך עס נישט צוריק אפשפיגלען.

## שעדיגן מיט'ן אויג

מיר זעען אין **חז"ל** געוויסע זאכן וואס צייגן אן אויף א כח וואס די אויגן גיבן ארויס.[4] צב"ש ווייסט יעדער אז ס'איז דא אזא זאך ווי "עין הרע", און אויך איז דא אין דיני ממונות די הלכה פון "היזק ראיה". דאס מיינט אז מ'קען

### זכות הדפסת הגליון

נתנדב ע"י הרבני הנגיד
הרה"ח ר' משה גאלדשטיין הי"ו
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

### זכות הפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידינו
מוה"ר אלימלך בר"י לאנדא הי"ו
לרגל שמחת הולדת בתו למז"ט
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

## תוכן הגליון


די וואונדער פונעם אויג ____ זייט 1-4
דער ווייטרייכנדער כח פון איין בליק! ____ זייט 3
יאמרו המושלים / פערזענליכע מעשיות ____ זייט 5
מכתבים למערכת ____ זייט 6

# די וואונדער פונעם אויג 3

שעדיגן א צווייטן מענטש אן גארנישט טון, בלויז דורכ'ן קוקן. ענליך טרעפן מיר אויך אין **גמרא**[5] אויף תנאים ואמוראים, "נתן בו עיניו ונעשה גל עצמות."[6]

ווי די **קדמונים** ערקלערן, איז דא ביי די אלע זאכן א פאקטישער כח וואס גייט ארויס פון די אויגן און שעדיגט.[7]

## ווארעמען אייער דורכ'ן קוקן

אין די **ספרים הק'** זעען מיר נאך פארשידענע זאכן וואס ציילן אויף א קראפט וואס די אויגן גיבן ארויס, און זענען בכח צו טון פארשידענע פעולות.

**הרה"ק רבי חיים וויטאל זצ"ל** שרייבט:[8] "עס איז דא א כח אין די אויגן, ווי מ'זעט אז די בת היענה געבוירט אירע אפרוחים דורכדעם וואס זי קוקט אויף די אייער, אפילו זי זיצט בכלל נישט אויף זיי ווי אלע אנדערע פייגל. דאס ווייזט אז ס'איז דא א ממשות'דיגער כח אין דער זע-קראפט פון א מענטש." דאס זעלבע ברענגען אסאך אחרונים.[9]

אין ספר **שפתי כהן** על התורה[10] שרייבט ער אז אויב זאל א בעל חי דורכגיין און מפסיק זיין צווישן דעם בליק פון דער בת היענה אויף אירע אייער, וועלן זיי מער נישט קענען אויספיקן און געבוירן ווערן, און דערפאר וועט די בת היענה הרג'נען יענעם בעל חי. דער ש"ך ברענגט דערויף א מערקווירדיגן מנהג וואס איז געווען איינגעפירט, צו אויפהענגען אייער פון א בת היענה אין בית הכנסת. ער שרייבט אז דער טעם איז צו מרמז זיין אז קיין שום זאך זאל נישט מפסיק זיין צווישן אונז און דעם אויבערשטן בשעת'ן דאווענען. דאס זעלבע ברענגט אויך דער **יעב"ץ** אין זיין סידור.

## די השפעה פון א שלעכטן בליק

אין **זוהר הק'** שטייט[11] אז ס'איז געווען א מענטש אין סוריא וואס יעדע זאך אויף וואס ער האט געקוקט איז איבערגעדרייט געווארן צו שלעכט. איין טאג איז



> **אויב איז אמת אז דאס אויג גיבט ארויס דעם כח הראות, ווי איז מעגליך אז ס'זאל גיין אזא אויסטערלישן מרחק ביז צו דער צבא השמים אן ווערן פארלוירן ערגעץ?**

ער געגאנגען אין גאס, און געזען א מענטש וועמענ'ס פנים האט געשיינט. איז ער געגאנגען און געקוקט אויף יענעם, און דעם מענטש'ס אויגן האבן זיך געשפאלטן רח"ל.

דער **מלבי"ם** דערציילט[12] אז ס'האט פאסירט מיט איינעם א בעל עין הרע אז ער האט געקוקט פאר א שטיק צייט אויף א געבאקן ברויט, און דערנאך האט מען געטראפן דערין סם, וויבאלד ס'זענען ארויס פאר'סמ'טע פונקען פון יענעמ'ס אויגן.

ענליך ווערט געשילדערט אין ספר **פרדס יוסף**[13] א וואונדערליכע פאסירונג וואס איז געווארן באריכטעט אין א רוסישער צייטונג שנת תרמ"א: געוויסע וויסנשאפטלערס האבן שטודירט די כוחות פון די אויגן, און זיי האבן געבעטן פון דער רעגירונג מ'זאל זיי איבערגעבן א מענטש וואס איז געווארן פאראורטיילט צו טויט-שטראף. די חוקרים האבן יענעם אריינגעשטעלט אין א פארמאכטער שטוב פאר דריי טעג, און אים נישט געגעבן קיין שום עסן. דערנאך האבן זיי אויפגעהאנגען א ברויט קעגן זיינע אויגן, און אים נישט געלאזט צוקומען דערצו נאר בלויז קוקן דערויף. פארשטייט זיך אז דער מענטש האט געקוקט אויף דעם ברויט מיט גאר א שטארקן צער פון זיין הונגער, און ער איז געווארן קראנק פון דעם. דערנאך האבן זי אויפגעשניטן דאס ברויט, אין געטראפן אין דעם שטארקע גיפט. דאס איז געקומען פון די פונקען פון זיינע שלעכטע בליקן אויף דעם ברויט, וואס האבן ממש פאר'סמ'ט דאס ברויט.

ס'ווערט דערציילט[14] אויפ'ן הייליגן גאון וצדיק דער **חכם צבי זצ"ל**, אז עמיצער האט אים אמאל געפרעגט אויף דעם וואס חז"ל זאגן אויף פארשידענע ערטער, "נתן בו עיניו ונעשה גל של עצמות" - וויאזוי איז מעגליך אזא זאך? האט אים דער חכם צבי געענטפערט, "ס'איז נישט מיין סדר צו מזיק זיין קיין שום באשעפעניש, אבער כדי דיר צו ווייזן ווי אמת די רייד פון די הייליגע חז"ל זענען וועל איך דיר ציין." זיי זענען ארויסגעגאנגען אינאיינעם אין חצר, וואו ס'האט זיך געפונען אן אינדיק. דער חכם צבי האט קאנצענטרירט זיין בליק אויף דעם אינדיק, ביז ער האט ארויסגעצויגן פון אים זיין גאנצע חיות און ער איז אראפגעפאלן טויט!

---

**1. שער השמים** (שער התשיעי), **שבילי אמונה** (שער הרביעי); עיי"ש ראיותיהם בהרחבה.

**2.** מאמר הלל והודאה אות קמו וז"ל: "החוקרים חקרו בראיית העין אם האור יורד מן העין אל הדבר הנראה או בהיפך, והוכיחו שהאור יורד מן העין אל הדבר הנראה, והחוש השמע הוא בהיפך שמן דבר הנשמע עולה קול השמיעה אל אזן שומע."

**3. ליקוטי מוהר"ן** יג.

**4.** כדאיתא **בבא מציעא** (קז:) דתשעין ותשעה מתים מעין רעה, **ובתענית** (ח:) **ובבא מציעא** (מב.) שאין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין, **ושם** (ל.) שאסור לשטוח טלית של אבידה בפני רבים מפני עינא. וע"ע **בתיקוני זוהר** (תקון ע, קכו:), **וברמב"ן** (פ' וירא עה"פ אל תביט אחריך). ועי' **בבא בתרא** (ב:) **וטושו"ע חושן משפט** (סי' שעח ס"ה) בדיני היזק ראיה, ועי' **בדרשות מהר"ח אור זרוע** (סימן ג).

**5. ברכות** נח., **שבת** לד., **בבא בתרא** עה., **סנהדרין** ק., ועי' **זוהר הק'** ח"ג דף רסא:.

**6.** עיין בספר **אמונה ובטחון להרמב"ן** (פרק יב) שמפרש שענין נתן בו עיניו הוא מענין עין הרע. אמנם **בדרשת ר"י אבן שועיב** (בלק) כתב שחלילה לומר שזה מענין עין הרע, אלא שהוא איזה כח אחר שיש בעין שנמצא אצל החכמים, עיי"ש. **ובחזון איש** (חו"מ ב"ב ליקוטים, סי' כא, עמ' רנה) כתב על הא דיהבו ביה רבנן עינייהו ונח נפשיה: "זהו מסודות הבריאה, כי האדם במחשבתו הוא מניע גורמים נסתרים בעולם המעשה, ומחשבתו הקלה תוכל לשמש גורם להרס ולחרבן של גשמים מוצקים וכו', ובשעה שבני אדם מתפעלים על מציאות מוצלחה מעמידים את מציאות זו בסכנה וכו', וכדאמר (ב"מ שם) תשעין ותשעה בעין רעה וכו'. ויתכן דכל שהאדם במעלה יתירה כל סגולותיו ובחינותיו יתירות ועינו יותר פועלת, והיינו דאמר יהבו ביה רבנן עיניהו." ודבריו מתאימים לדברי הרמב"ן הנ"ל. וע"ע **בדרשות הר"ן** (הדרוש השמיני) מזה, ומ"ש הגר"א דעסלער **במכתב מאליהו** בענין עין הרע; מובא דבריהם בגליון **מעולפת ספירים** (גליון קמז, מאמר עין הרע וסיבותיו עמוד ז).

**7. במגן אבות לתשב"ץ** (פ"ב מי"א) כתב עין הרע הוא ניצוצות היוצאים מהעין ומזיקין, ומביא שכן אמרו חכמי הטבע. וכ"כ **המהר"ל** (חידושי אגדות ב"מ קז:), כי עין הרע יש בו כח אשר שורף ומקבל האדם היזק ויש לו כח אשר שורף. וע"ע מ"ש **בדרך חיים** (אבות פ"ב). ועי' **בספר הברית** (מאמר יז) כי זה פועל ע"י כח הדוחה ואדים רעים היוצאים מן העין עיי"ש.

**8. עץ חיים** (שער ח' פרק א), וכ"כ **בחרדים** (פרק סו אות קלז).

**9.** עיין **בדרשות חתם סופר** (חלק ג' עמ' פג), **הגהות עקבי סופר** לשו"ת התעוררות תשובה (סי' ל"א הערה ב'), **אור לשמים** (ליקוטים), **שו"ת שיח יצחק** (סי' תסד), **נשמת חיים** (לר' מנשה בן ישראל, מאמר שלישי פ"ד דף מד.), **שם משמואל** (לך תער"ד, ראה ע' קז, שבועות תרע"ה), **חן מרדכי** (דף כה, מובא במטבע שטבעו חכמים ח"ג עמ' ריט), וע"ע מזה בהרחבה בגליון **מעולפת ספירים** (שם).

**10. שפתי כהן** להרה"ק רבי מרדכי הכהן זצ"ל, ממקובלי צפת, פר' תזריע ד"ה ואם; מובא **במדרש תלפיות** אות ב' ענף בעלי חיים.

**11.** ח"ג סג:, מובא **בספר ציוני** לרבינו מנחם בן מאיר (פר' בלק עה"פ וירא משם קצה העם, מובא כמ"פ בילקוט ראובני), ומובא **בקדושת עינים** עמוד פא.

**12.** משלי כג,ז.

**13.** פ' בלק (כד,ב) בשם ספר **תוספת ברכה** (לבעל תורה תמימה, פרשת בלק).

**14. כתבי ר"י שו"ב** (עמוד קלט).

# אויסטערלישע כוחות אינעם חוש הראיה

אין **מדרש תלפיות**[15] שרייבט ער אז ער האט אליין געזען זאכן וואס ווער עס האט דאס נישט מיטגעהאלטן קען דאס נישט פארשטיין. צווישן אנדערן זענען מענטשן וואס קענען זען וואסער וואס געפינט זיך טעליכע אמות אונטער דער ערד, און אנדערע וואס קענען עסן מיט די אויגן, וויבאלד זיי האבן א שטארקע זע-קראפט.

אין ספר **שלטי הגבורים**[16] ברענגט ער אז די שטארקסטע חיה איז דער לייב, אבער זיין גאנצער כח געפינט זיך אין די אויגן. ווי עס ווערט דערציילט אז אין די צייטן פונעם רוימישן קייזער קלאודיאוס איז א לייב באפאלן א געוויסן פאסטוך. האט דער פאסטוך ארויפגעווארפן זיין קלייד אויפ'ן קאפ פונעם לייב און באדעקט זיינע אויגן, און אזוי האט דער לייב פארלוירן זיינע שטארקע כוחות און דער פאסטוך איז געראטעוועט געווארן, וויבאלד דעם לייב'ס גאנצער כח ליגט אין זיינע אויגן. אויך אין די צייטן פון אלכסנדר מוקדון ווען ער האט אריינגעווארפן איינעם פון זיינע מיליטערלייט אין קעלער אינאיינעם מיט א ווילדן לייב, האט זיך יענער געשטארקט אויפ'ן לייב דורך דעם וועג און אים דערשטיקט.

אין **דרשת ר' אבן שועיב**[17] ווערט דערציילט אז אלכסנדר מוקדון איז אמאל געקומען מיט זיין מיליטער צו א געוויסן פלאץ, און דארט האבן זיי געפונען חיות וואס האבן ממש גע'הרג'עט מיט זייערע אויגן, און אלכסנדר מוקדון האט זייער מורא געהאט פון זיי. האט ער געשטעלט שפיגלען קעגנאיבער די חיות, און ווען זיי האבן אריינגעקוקט אין די שפיגלען איז זייער כח הראיה צוריקגעשפרונגען צו זיי און זיי זענען אליין געשטארבן.

# בא הכתוב השלישי ויכריע ביניהם

פון די אלע איבנדערמאנטע מקורות ווייזט זיך ארויס אז דאס אויג האט אין זיך א ספעציעלן כח וואס ער גיבט ארויס פון זיך. שטעלט זיך די שאלה, וועלכער הסבר איז ריכטיג? איז דאס אויג בלויז א בית קיבול וואס נעמט אריין די ליכט-שטראלן, אדער גיבט ער ארויס א ממשות'דיגן כח וואס מאכט אים זען?

**הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זצ"ל**[18] שרייבט אויף דעם אז על פי תורה זענען ביידע מהלכים אמת. דאס אויג איז קודם א מקבל, ער נעמט אריין אין זיך די שטראלן, און אין דער זעלבער צייט פארמאגט ער אויך א פאקטישן כח הראות. ווי ער שרייבט, איז דאס דער חילוק צווישן **ראיה** (זען) און **הבטה** (קוקן): "ראיה" איז דער חלק פון מקבל די ליכט-שטראלן, ווידער "הבטה" איז דאס אויג'ס אייגענעם כח וואס ער גיבט ארויס און קוקט.

איינע פון די ראיות וואס די חכמי הטבע ברענגען אז דאס אויג איז נאר א מקבל, איז פונעם פאקט אז מיר קענען זען די זון און די שטערנס. אויב איז אמת אז דאס אויג גיבט ארויס דעם כח הראות, ווי איז מעגליך אז ס'זאל גיין אזא אויסטערלישן מרחק ביז צו דער צבא השמים און ווערן פארלוירן ערגעץ?

אויף דעם זאגט רבי צדוק אז אין הכי נמי, ווען מ'קוקט אזוי ווייט, באניצט מען זיך טאקע מיט'ן כח פון מקבל זיין, און דער כח וואס דאס אויג גיבט ארויס איז נאר בנוגע זאכן וואס געפינען זיך נאנט. לויט דעם ווערט זייער גוט שטימען די דעה וואס מיר געפינען אין מדרש,[19] אז **הבטה** איז שייך אויף נאנטע זאכן און **ראיה** איז ביי ווייטע זאכן.

מ'קען דאס אפשר ערקלערן אויף דעם אופן: דער געוועגליכער וועג פון זען איז דורכ'ן מקבל זיין די ליכט-שטראלן. דערנאך איז דא א כח וואס דאס אויג גיבט ארויס ווען מ'פארקוקט זיך אויף עפעס מיט א קאנצענטראציע, וואס דאן גייט אריין דער כח פון דער מחשבה וואס דער מענטש לייגט אריין אין זיין בליק, און דאס קען ווירקן צום גוטן אדער פארקערט. אזוי טרעפן מיר אין די **ראשונים** ווי זיי זענען מסביר וויאזוי דער כח פון אן עין הרע גייט, אז דאס איז דער כח המחשבה וואס ווערט קאנצענטרירט דורכ'ן בליק פונעם מענטש.[20]




**15.** לבעל **שבט מוסר** (אות ב ענף דברים נפלאים), מובא **בקדושת עינים** (שם).

**16.** להר"ר אברהם הרופא (דף מו:), מובא דבריו **ביפה ללב** (שו"ע או"ח סימן א). מובא **בקדושת עינים** (שם). וע"ע **במגלה עמוקות** (ואתחנן אופן קמז) **ובמדרש תלפיות** (אות ח) **ובמאמר יהונתן** (הגדה שלפסח ד"ה ואתא מלאך המות) דגם החזיר עיקר חייו תלויין בעינים.

**17.** פ' וירא בלק.

**18.** **קומץ המנחה** אות ב': "מחלוקת פילוספים הקדמונים אם זיקי הראות יוצאים אל המוחש, או צורת המוחש נכנסת אל העין. וזהו מחלוקת שאמרו ז"ל בסוטה (ה.) אני את דכא או דכא אתי, והאמת כדברי שניהם. ואפשר שזהו החילוק בין הבטה לראיה. וזהו שאז"ל (מד"ר לך פרק מד) הבטה מלמעלה למטה. ולכן לא נמצא הבטה עם לשון השימוש אלא עם אל כמ"ש בשערי תורה וכו'. והביאו ראיה דיעה אחרונה לדבריהם ממה שהאדם מביט אל הכוכבים ובמרחק רב היה ניצוצי הראיה מהעין מתפזרים, וזהו דעת הי"א שבמדרש איכא (ה,א) שהבטה מקרוב ראיה מרחוק. וזהו רק בעיניך תביט, על דרך נתן בו עיניו, כי דעה הראשונה הביאו ראיה לדבריהם מהשרף המזיק בראיה וזהו הבטה, וכו'. עיי"ש עוד.

**19.** **מדרש איכה** ה,א: "ר' יודן אמר: הבטה מקרוב וראייה מרחוק. הבטה מקרוב, שנאמר: (מלכים א, יט): "ויבט והנה מראשותיו עוגת רצפים"; וראייה מרחוק שנאמר: (בראשית כ"ב) וירא את המקום מרחוק. ר' פנחס אומר: הבטה מרחוק, שנאמר: (תהלים, פ): "הבט משמים וראה"; וראייה מקרוב, שנאמר: (בראשית, לב): "וירא כי לא יכול לו ויגע בכף ירכו".

**20.** כמבואר **ברבינו יונה** (אבות פ"ב מי"א) וז"ל: "אויר העולה מן המחשבה ההיא ושורף את הדברים שעויין בעיניו הרע". וכעין זה איתא **בדרשת הר"ן** (דרוש ח, ד"ה והמקראות) **ובאברבנאל** (נחלת אבות על אבות פ"ב מט"ז). **ובספר ציוני** (עה"ת פ' בלק) כתב דעין הרע פועלת לפי הכוונה והמחשבה, ומזה יכולין לראות עד היכן מגיע כח המחשבה וההרהור עיי"ש. וע"ע לעיל בהערה 6 מכמה מקורות. מכל זה נראה כי העין אינו אלא אמצעי לרכז המחשבה על איזה דבר.



# דער ווייטגרייכנדער כח פון איין בליק!

די אלע ענינים פונעם געוואלדיגן כח וואס דאס אויג פארמאגט קענען מיר ניצן צו פארשטיין דאס משמעות פון א ראיה; וויפיל א איד קען אויפטון דורכ'ן ניצן זיינע אויגן אויף גוטע זאכן, און פארקערט דעם גודל הפגם וואס א שלעכטער בליק קען חלילה אנברענגען. ווי דער **ספר הברית** פירט אויס[1] נאכ'ן שרייבן איבער'ן כח הראיה: "דערפאר דארף יעדער וואס האט שכל פארשטיין דעם גרויסן פגם פון קוקן אויף וואס מ'טאר נישט, ווייל עס איז דא א גרויסער כח אינעם חוש הראיה!"

~

אבער אויסער דעם איז דא פארהאן נאך א טיפערע הבנה: ווען א מענטש קוקט מיט זיינע אויגן, איז דאס נישט סתם געקוקט, נאר דאס איז א ממשות'דיגער כח וואס גייט ארויס פון זיינע אויגן און לויפט ביז צו דער זאך אויף וואס מ'קוקט און קומט צוריק. דאס מאכט אז דער מענטש זאל ממש ווערן באהאפטן מיט יענער זאך, ווי מיר האבן שוין געברענגט פונעם **שם משמואל**[2] אז "ראיה" איז א לשון פון "חיבור" - באהעפטן.

**הרה"ק בעל דברי שמואל מסלאנים זי"ע** שרייבט:[3] "קוקן אויף עפעס איז א גרויסע זאך, ווייל דאס קוקן איז א התחברות פונעם מענטש צו דער זאך. אויך נעמט דאס ארויס פון יענעמ'ס חיות און ס'גייט אריין אין דעם וואס קוקט."

דאס התחברות איז אזוי שטארק, אז ס'איז כאילו דער מענטש געפינט זיך במציאות דארט אויף יענעם פלאץ וואס ער קוקט. ווי דער הייליגער **מאור עינים** שרייבט מורא'דיגע ווערטער:[4] "וויבאלד דער חוש הראיה גייט ארויס פונעם אויג, קומט אויס אז **דארט וואו מ'קוקט דארט געפינט זיך דער גאנצער מענטש.**"

ער גיבט דאס בעסער צו פארשטיין, אז מיר ווייסן דאך וואס חז"ל זאגן "סומא חשוב כמת" - א בלינדער איז ווי א מת ל"ע. קומט דאך אויס אז דאס גאנצע חיות פונעם מענטש איז געוואנדן אין די אויגן, דערפאר **דארט וואו זיינע אויגן קוקן דארט געפינט זיך דער גאנצער מענטש.**

מיר זעען דעם געדאנק אויך אין הלכה. די **גמרא** זאגט אז ווען א מענטש זעט א פלאץ וואס ס'האט אים פאסירט א נס, מאכט ער די ברכה "שעשה נס במקום הזה", און דאס איז שייך אפילו ער זעט דאס ארט בלויז פונדערווייטנס. שטעלט זיך די פראגע, ווי קען דער מענטש דאנקען אויפ'ן נס וואס האט אים פאסירט "במקום הזה" ווען ער שטייט א מייל ווייט פון דארט? נאר זענען **מפרשים** מסביר[5] אז וויבאלד דאס קוקן אויף א פלאץ מאכט אז דער מענטש זאל ממש דארט זיין, דעריבער אפילו ווען ער קוקט בלויז אהין איז עס אמת אז ער געפינט זיך יעצט "במקום הזה".

~

א מענטש שפירט נישט געווענליך אז ער איז דארט וואו ער קוקט, נאר ער טראכט אז ער איז דארט וואו ער איז און ער קוקט נאר אהין. אבער די ספרים הק' זענען אונז מגלה אז דאס איז נישט ריכטיג, ווייל זיינע אויגן זענען אים ממש מחבר צו יענעם פלאץ און ער איז יעצט בפועל דארט.

דאס דארף זיין א שטארקער מבחן פאר א מענטש ווען דער יצר קומט מיט'ן חשבון אז ער וויל בלויז "כאפן א בליק". **אויב וואלסטו נישט געגאנגען אין אזא פלאץ פיזיש, דאן קוק אויך נישט אהין מיט דיינע אויגן!** אויב וואלסטו נישט געשטאנען אין ווארט מיט יענעם, דאן קוק נישט אין יענער ריכטונג. דאס איז גאר א שטארקער מבחן ווען ס'קומט צו שמירת עינים.

~

אויך בפנימיות איז אונז מגלה דער **אר"י הקדוש** ווי ווייט א מענטש איז זיך מחבר מיט דעם אויף וואס ער קוקט, און וואספארא טיפע השפעה דאס האט אויף דעם מענטש און זיין נשמה.

ער שרייבט גאר פחד'יגע ווערטער:[6] יעדעס מאל א מענטש קוקט אויף עפעס, **גייט א חלק פון דער נשמה ארויס פונעם מענטש און קומט צוריק מיט א השפעה פון דער זאך אויף וואס מ'האט געקוקט און ס'קלעבט זיך אן אינעם נשמה פונעם מענטש.** אויב איז יענץ א גוטע זאך וועט די נשמה ווערן הייליגער דורכדעם, און ח"ו פארקערט באקומט די נשמה א חלק פון יענעם טומאה, **אזוי ווייט אז דער נשמה קען ווערן אויפגעטוישט!**

זאגט דער אר"י הק' אז דאס איז פשט אין פסוק, אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם - עטס זאלטס זיך נישט קערן צו קוקן אויף דברים אסורים,[7] ווייל אויב יא וועט עס חלילה משפיע זיין אויף לָכֶם, אויף ענק זעלבסט, צו ווערן נשפע דערפון.

נורא נוראות! די הייליגע ווערטער דארפ'ן גאר שטארק ערוועקן א מענטש צו פארשטיין מיט וואס מ'שפילט זיך דא. א קוק מיט די אויגן איז ווייט פון א פשוט'ן בליק. דער מענטש ווערט ממש באהאפטן צו דעם, און נעמט אריין אין זיך די השפעה פון יענער זאך, סיי צום גוטן און חלילה פארקערט. די נשמה נעמט דאס אריין טיף אין זיך, און דאס קען ממש טוישן דעם מענטש.

צוליב דעם שטייט טאקע אין אלע ספרים הק' אז צו מאכן א "תיקון" אויף דעם וואס מ'איז נכשל געווארן מיט ראיות אסורות איז אז מ'קוקט מיט די אויגן אויף הייליגע זאכן, אויף די ציצית, אויף צדיקים, אותיות התורה, א בלאט גמרא, און אויף סיי וועלכן דבר מצוה. **אז מ'קוקט אויף א הייליגער זאך, ווערט מען מחובר דערמיט. מ'נעמט אין זיך אריין א חלק פון דער קדושה. און דאס קלעפט זיך אן אין דער נשמה פון א איד, און האט אויך דעם כח צו טוישן די נשמה - צום גוטן!**

---

**1.** חלק א מאמר יד איכות החי פרק ה. וכ"כ **בקב הישר** (פרק ב) שזו ראיה גדולה עד כמה האדם פוגם בראיה.

**2.** פרשת לך שנת תער"ד: "ראיה הוא לשון חיבור, כידוע מענין חוש הראות שהוא התחברות כח הראיה בדבר הנראה. וכמבו שסיפרו שיש עופות המחממים את ביציהם בהבטתם עד שיעשו אפרוחים".

**3.** **דברי שמואל**, פשת בא ד"ה אל תוסף.

**4.** ליקוטים ד"ה עיניך לנוכח יביטו.

**5.** **מנחת יצחק** ברכות פ"ט משנה א, מובא **בקדושת עינים** פרק א.

**6.** **ליקוטי תורה** (בטעמי המצוות פ' קדושים): "אזהרת אל תפנו אל האלילים (ויקרא יט, ד), דע כי בהבטת וראיית איש את רעהו עושה רושם, והנשמה בכח הראות יוצאה להביט, ואם הוא דבר טוב בפועל נדבק בו ויתהוה ממנו טוב, ואם הוא דבר רע יקח גם כן מעצמותו, וחס ושלום תתחלף הנשמה. וזה סוד 'אל תפנו אל האלילים' מפי ש'אלהי מסכה לא תעשה לך', שאם תראה בטומאה, יהפוך מעצמותו ויעשו בו רושם ותהיה כמוהו".

**7.** כמבואר **בזוה"ק** (חלק ג פד.) דפסוק זה קאי על הסתכלות בנשים, עיי"ש דכך היה רבי שמעון עושה כשהיה הולך בעיר והחברים הלכו אחריו וראה במקום ההוא נשים, היה משפיל את עיניו ואמר לחבריה "אל תפנו". ועי' בחומת אנך (קדושים) לרמוז ר"ת אל תפנו: אל תסתכלו פני נשים ובגדיהן.

אלו המושלים ביצרם
(ב"ב עה:)

# ויאמרו המושלים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות.**

## א היטש קיין סטעטן איילענד

איך וואוין אין בארא פארק, און מיין ישיבה געפינט זיך אין סטעטן איילענד. איך בין געווען אינדערהיים און איך האב געוואלט פארן אין ישיבה, בין איך געגאנגען צום היטש פלאץ ביי פארט העמילטאן און זעכציג. איך האב געוואוסט אז יענער פלאץ איז נישט דאס מערסטע אויסגעהאלטן מיט שמירת עינים, און צומאל קען מען דארט ווארטן זייער לאנג - ביז א שעה - צו כאפן א היטש. האב איך מתפלל געווען אויפ'ן וועג צום באשעפער אז ער זאל מיר שיקן א שנעלן וועג, איך זאל קענען היטן מיינע אויגן.

זייענדיג ארום צוויי בלאקס פאר'ן היטש פלאץ, זע איך א יונגערמאן אין א קאר. איך פרעג אים וואו ער פארט, זאגט ער מיר אז ער פארט אראפ צום היטש פלאץ. נארמאל נעם איך נישט קיין היטשעס פאר אזעלכע קורצע שטרעקעס, אבער דא האב איך צוליב אן אומבאקאנטער סיבה יא באשלאסן זיך ארייננזוזעצן אין זיין קאר. אנקומענדיג צום היטש פלאץ, האב איך נאכאמאל געבעטן א קורצע תפילה, און דאן באמערק איך ווי א איד שטייט ביים רויט לייט. אויף מיין שאלה וואו ער פארט, ענטפערט אז ער פארט קיין סטעטן איילענד!

איך האב קלאר געזען ווי די באשעפער האט אנגענומען מיין תפילה, און מיר געשיקט א וועג שנעלער ווי געראכטן ביז צו דער ישיבה.

א דאנק פאר די גליונות. יעדער גליון עקסטער גיבט מיר אריין א חיות!

*א בחור פון בארא פארק*

## ווי-איי-פיי אין עירפארט

ס'איז נישט מעגליך ארויסצוברענגען גענוג די אויפטוען וואס אייער חשוב'ער גליון טוט פאר צענדליגער טויזנטער אידן. חזקו ואמצו!

דעם פארלאפענעם כ"ח תמוז בין איך געפארן פוקד זיין דעם ציון המצויינת פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע ביומא דהילולא אין אונגארן. איך האב מקבל געווען אויף מיר צו אויסטון די גלעזער אין לופטפעלד, טראצדעם וואס איך פארמאג א הויכן נומער און ס'קומט מיר אן שווער אן דעם. איך האב דערביי מתפלל געווען אויף א גרויסן ענין וואו איך האב מיך געניטיגט אין א ישועה, און ב"ה איך האב געהאט די ישועה נאך פאר'ן זיך ארויסלאזן אין וועג.

שטייענדיג אין דער רייע אין לופטפעלד צוזאמען מיט א חבר, זענען מיר געגאנגען אביסל אין דער זייט, כדי זיך נישט צו דארפן שטופן צווישן אלע מענטשן. מיטאמאל קומט צו אן אנגעשטעלטער, און הייסט אונז גיין פארנט פון דער גאנצער שורה, אן קיין פארוואס און



**און דאן באמערק איך ווי א איד שטייט ביים רויט לייט. אויף מיין שאלה וואו ער פארט, ענטפערט אז ער פארט קיין סטעטן איילענד!**

פארוואן. ענליך האט אויך פאסירט אויפ'ן וועג צוריק, ווען ווארטנדיג איינצוטשעקן האט אונז באאמטער געהייסן גיין אין דער ווי-איי-פי שורה, און מיר האבן אזוי אויסגעקרויזט דאס גאנצע שטופעניש.

מיר האבן געזען בחוש דעם הבא ליטהר מסייעין אותו, ווי מ'האט אונז געהאלפן פון הימל צו קענען האלטן די אויגן ריין.

*בכבוד רב, ב.פ., ארץ ישראל.*

## די ווייטאגן זענען פארשוואונדן

די פאלגנדע מעשה האב איך געהערט ערשטהאנטיג פונעם בעל המעשה, וויאזוי ער האט געהאט א געוואלדיגע ישועה אין זכות פון שמירת עינים:

דער איד איז ליידער דורך אסאך פיזישע יסורים. מיט א צייט צוריק איז ער געפארן ערגעץ אויף אפרו, האפנדיג זיך אויסצוקורירן דארט און באקומען פרישע כוחות. איין טאג זייענדיג דארט אויף אפרו, האט ער זיך בטעות געגעבן א שלעכטן דריי ל"ע, און מיטאמאל זענען אלע זיינע יסורים צוריקגעקומען מיט זייער גאנצער שארפקייט. ער האט זיך ממש נישט געקענט רירן פאר גרויס ווייטאג.

אזוי וואלגערנדיג זיך פאר יסורים, איז מיטאמאל דורך א גרופע פארשוינען וועלכע זענען געווען אנגעטון זייער נישט איידל. דער איד האט זיך דערמאנט וואס הרה"ק רבי אהרן ראטה זצ"ל שרייבט, אז ווען איינער שטארקט זיך אויף א נסיון אין שמירת עינים, קען ער דעמאלט אויס'פועל'ן סיי וועלכע זאך. ער האט שנעל פארמאכט זיינע אויגן, און מחליט געווען אז ווילאנג די חברה זענען דא עפנט ער נישט צוריק זיינע אויגן, אינזין האבנדיג אז אין דעם זכות זאל ער האבן א ישועה.

ס'זענען דורך פופצן לאנגע מינוטן, ביז די גרופע איז ענדליך ווייטער געגאנגען, און דער איד האט געקענט עפענען די אויגן. ווי וואונדערליך, האט ער תיכף אנגעהויבן שפירן ווי די יסורים לאזן אים אפ, און ס'האט נישט גענומען לאנג ביז ער איז געווארן גענצליך אויסגעהיילט.

איך האב אויך געהערט פון די קינדער פון דעם איד וועלכע זענען געווען אנוועזנד, ווי ער איז ממש געווארן א נייער מענטש אין יענער מינוט, און פון דעמאלט און ווייטער ווייסט ער נישט פון קיין יסורים צו זאגן.

*(-)*

## ישועת ה' כהרף עין

איך ליין כסדר דעם גליון, וואו מענטשן שרייבן איבער ישועות וואס זיי האבן געהאט אין זכות פון שמירת עינים. איך פלעג כסדר טראכטן צי ס'איז טאקע ממש אזוי, אז מ'זעט ישועות. א צייט צוריק האב איך מיך געמוטשעט מיט א געוויסער פראבלעם, און איך האב גענומען אויף מיר א קבלה טובה אינעם ענין פון שמירת עינים, און ב"ה איך האב געהאט א באלדיגע ישועה.

פארשטייט זיך אז א איד דארף איינהאלטן די תורה און גלייבן אז דער רבש"ע פירט אלעס צום גוטן. אבער אז מ'זעט מיט די אייגענע אויגן איז עס א באזונדערע זכיה.

## א רבי מיט פּאַרענטשעס

בשעת מ'האט שוין דעם נסיון, איז שווער זיך צו שטארקן. אבער אז מ'איז אנגעגרייט פון פארדעם מיט פארשידענע מחשבות און חיזוק, איז עס מיט אכציג פראצענט גרינגער.

איך בין נישט קיין משפיע, אבער איך קען מיטטיילן וואספארא מחשבות עס העלפן מיר בייקומען נסיונות, און מעגליך קען עס העלפן פאר אנדערע אויך.

יעדער מענטש דארף עפעס אפקומען. דאס ערגסטע איז, פארשטייט זיך, גיהנם אויף יענער וועלט, אבער אויך יסורים אויף דער וועלט ח"ו זוכט קיינער נישט. מ'קען אויך אפקומען דורך בזיונות, אבער ס'איז נישט געשמאק צו האבן בזיונות. צום לעצט איז דא ווען א מענטש האט א נסיון וואס ס'איז שווער זיך צו שטארקן, אבער ווען ער איז זוכה זיך מתגבר צו זיין איז דאס דער גרעסטער תיקון.

ווען עס קומט אונטער א נסיון, זאל מען זיך פארשטעלן ווי ס'שטייען טויזנטער מלאכים ושרפים און קוקן אויב ער וועט זיך מתגבר זיין. און ווי ס'שטייט אין זוהר הק', שטייען אלע זיינע ווייטערדיגע דורות און ווארטן צו זען צי ער וועט עס דורכמאכן. ער איז ווי א גרויסער רבי מיט פולע פּאַרענטשעס וואס קוקן אויף אים בשעת מעשה, און ער דארף מאכן די בחירה צי ער זאל זיך שטארקן אדער חלילה דורכפאלן.

## א צדיק מיט'ן שירעם

איך וויל דערציילן צוויי קליינע עובדות פון **הרה"ק רבי שלום משאץ זצ"ל** בענין שמירת עינים (יארצייט כ"ב טבת):

א) איין טאג האט א פרוי אנגעקלאפט ביים שאצער רב זצ"ל פרעגן א שאלה. אן אייניקל האט געעפנט די טיר, און האט איבערגעגעבן די שאלה פאר'ן רב. א טאג שפעטער איז די פרוי נאכאמאל געקומען פרעגן א שאלה, און דער זעלבער אייניקל האט געעפנט. איז ער געגאנגען צו זיין זיידן און געזאגט אז די פרוי וואס איז דא געווען נעכטן איז נאכאמאל דא פאר א שאלה. האט דער שאצער רב געגעבן א שריי: "פון וואו ווייסטו אז ס'איז די זעלבע פרוי ווי נעכטן?"

ב) דער שאצער רב זצ"ל האט אמאל געזאגט אז ווען מ'גייט אין גאס מיט אן אפענעם שירעם, קען מען מיט א קליינער פעולה זיין א צדיק אדער א רשע. נעמליך, ווען גייענדיג אין גאס קומט אנטקעגן א פרוי, דאן אויב גיבט מען א בייג אראפ דעם שירעם, איז מען א צדיק, ווידער אויב גיבט מען א הייב אונטער דעם שירעם איז מען א רשע.

יישר כח און הצלחה!

~

איך וויל איבערגעבן מיין טיפסטן דאנק פאר'ן הערליכן גליון. ס'איז א דבר פשוט פאר'ן יעדן וואס נעמט דאס אין האנט אז אין אזא רייכן גליון גייט אריין אומערמידליכע שווערע ארבעט, פיזיש און גייסטיג, אהערצושטעלן אלעס אויף אזא הויכן ניווא און מיט דער ריכטיגער השקפה.

ס'לאזט זיך זאגן אז דער גליון איז א דבר השווה לכל הנפש. סיי א פשוט'ער איד וואס ליינט דאס טראכט נישט אז ס'איז צו הויך פאר אים, און סיי א דערהויבענער יונגערמאן פילט נישט אז ס'איז צו פשוט. ס'דעקט דעם נושא פון שמירת עינים ממש פאר יעדן איד באשר הוא שם.

דער ענין פון שמירת עינים איז דאך עפעס וואס דארף אזויפיל חיזוק היינטיגע צייטן.ליידער זענען דא אזוי סאך וואס זענען אינגאנצן אויסגעטריקנט, ווי אן אויסגעקלאפטע הושענא, ווען ס'קומט צו שמירת עינים און דיני הרחקה פון פרויען. מ'קוקט עס אן ווי א פרומע זאך וואס איז נישט נוגע פאר מיר. דאס איז נישט חלילה צוליב לייכטזיניגקייט, נאר פשוט מ'ווערט אומווילנדיג באאיינפלוסט פון דער געמיינער גוי'אישער גאס, ווי דער הייליגער רמב"ם שרייבט אז א מענטש ווערט נמשך נאר זיין סביבה.

און אז אזויפיל מענטשן זוכן היינט חיזוק אין דעם ענין, איז פשוט אז די ווערד דערפון שטייגט פי כמה. ווי מיר ווייסן אלע אז ווען מ'זוכט אסאך א געוויסן פראדוקט, שטייגט דער פרייז דערפון גאר הויך.

באמת וואלט איך אייך גאר שטארק געדארפט באדאנקען אויף די שווערע כוחות וואס איר לייגט אריין. אבער מצד שני, היא הנותנת צו זען אז איר פארשטייט די גרויסע נאכפראגע וואס איז דא אויף דעם. איך קען נאר אנווינטשן, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ובכל אשר תפנו תצליחו מיט גרויסע פראצענטן! הצלחה רבה!

(-)

מודעה משמחת
צו באשטעלן דעם קונטרס
"אן אפגעהיטענעם נסיעה"
רופט: 802.327.3592
שטארק געאייגענט פאר קבוצות וואס פארן א נסיעה
נ.ב. ביטע רופן געניג פרי כדי עס זאל נאך קענען ווערן דעליווערט אין צייט איידער די נסיעה




ברכת מזלא טבא
לכבוד ידידינו היקר
מוה"ר פייוויל ברעכער הי"ו
מגדולי התומכים בעיר מאנטריאל
לרגל שמחת נישואי בנו
הבה"ח כמר נחמן נ"י
עב"ג בת
מוה"ר יוסף גאלדמאן הי"ו
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינו שיזכה לבנות בית נאמן בישראל ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

על הטוב יזכר
זכות 2000 גליונות
מוה"ר **יושע פאללאק** הי"ו / לזכות **ח.צ. בן ש.ע.** לברכה והצלחה בכל הענינים
זכות 1000 גליונות
מוה"ר **חיים בצלאל בלום** הי"ו / מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו לע"נ ישעיהו ב"ר שלמה ע"ה / **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

ברכות והשפעות
דורכ'ן מזכה זיין כלל ישראל מיט שמירת עינים
הצלחה אין פרנסה — זוהר הקדוש
ערליכע קינדער — זוהר הקדוש
עשירות — אמרי נועם ועוד
רפואת הגוף והנפש — הרה"ק רבי לייבעלע אייגער
מחילת עוונות — עטרת יהושע
הצלחה בתורה — בית אברהם ועוד
הצלה ממאורעות הזמן — הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק
אריכות ימים ושנים — אבן עזרא
יראת שמים — דברי שמואל
קרבת אלקים — רבינו בחיי ועוד
ניצול מצער גידול בנים — הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק
שמירה מכל רעה — תפארת שלמה ועוד
זכות הוצאת הגליון — $6,000
זכות הדפסת הגליון — $1800
חלק בהפצת הגליון:
זכות עמוד בגליון — $900
זכות 2,000 גליונות — $360
זכות 1,000 גליונות — $180
מזכי הרבים | חודש'ליכע שותפים
$100 לחודש
$50 לחודש
$25 לחודש
כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו
845.999.4114 עקס. 1-1
24 שעה

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך
845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג
7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org
המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528
המערכת בענגליש: 732.532.2242
המערכת בספאניש: 054-115-219-8810
"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדשעס וואס פליסן אריין צום מערכת. אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
845.999.4114 #1-9